בס"ד

# קול נטרונא

ערש"ק פר' וישלח תשע"ו

# אומגלויבליכער קידוש ה' הילכט אפ ווען אידישע התנגדות צום ציונות ווערט נתפרסם קבל תבל ומלואה

## היסטארישע קאמפיין אין מיטל מזרח פרעסע ווערט באריכטעט און ציטירט פאר מיליאנען גוים אויף פאפולערע אראבישע סאציאלע מידיא נעטווארק

**המערכה בעיצומה:**

**ריזיגע פעולות וועלן נאך אפקאסטן אסטראנאמישע סומעס וואס דארף געשאפן ווערן אין איינצעלנע טעג**

**ולך עשית שם גדול וקדוש בעולמך.** דער דעת תורה הצרופה און דער קול היהדות החרדית פון הכנעה בגלות וקבלת עול גזירת השי"ת האט די וואך דינסטאג, יום שנכפל בו כי טוב לסדר וישלח – פרשת הגלות, זוכה געווען צו א היסטארישן און פארצווייגטן פרסום, ווען מען האט ב"ה זוכה געווען מקיים צו זיין מיט אלע הידורים דעם ציוי השי"ת פון "לא תעמוד על דם רעך" און אנגעהויבן מיט א לענגערען און ריזיגן קאמפיין אין די מזרח – ירושלים פרעסע צו מקיים זיין די עצת התורה וואס מיר לערנען די וואך אין די פרשה, ויצו אתם לאמר כה תאמרון לאדני לעשו כה אמר עבדך יעקב. ואשלחה להגיד לאדוני למצוא חן בעיניך.

אין ברען פון די ביטערע טעראר און שפיכות דמים וואס שפילט זיך אפ אין ארה"ק, איז ב"ה דערהערט געווארן דער קלארער און דייטליכער שטימע פון תורה טרייע אידן, א הכרזת קודש אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון אידישע קינדער, און אז אידן ווילן יא לעבן בשלום ובשלוה אן קיין בלוט פארגיסונגען. א מעסעדזש וואס טוט אין די טעג אפקלינגען אויף א גלאבאלן פארנעם, מיט א ריזיגן פרסום וואס געדענקט זיך שוין לאנג נישט.

שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם. דער היסטארישער קאמפיין וואס שלאגט אין די טעג ווארצלען צווישן הונדערטער טויזנטער גויי הארצות אין מיטל מזרח איז דאס ערשטע מאל וואס דאס יהדות החרדית טרייסלט זיך אפ אויף אזא סארט פארנעם פון די ציוני'סטישע אפטרופסוס און מאכט קלאר פאר די גאנצע וועלט דעם ריינעם אמת איבער אידישקייט און ציונות, און אז אידישע קינדער טארן נישט געזען ווערן ווי צילן צו געטשעפעט ווערן צוליב ציוני'סטישע אקטיוועטעטן.

עס לאזט זיך נישט זאגן וויפיל אומגעהויערע שוועריגקייטן עס איז געשטאנען אין וועג דורכאויס די גאנצע צייט זינט דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין גאנג, מען האט זיך אנגעשטויסן אין פראבלעמען אויף טריט און שריט. צום אלעם ערשט האט זיך אויסגעפעלט צו אנקניפן די נויטיגע קאנטאקטן מיט די פרעסע לייט און געווינען זייער צוטרוי, עס האט געדארפט געשאפן ווערן שווערע טויזנטער דאלערן אין געציילטע טעג, און ווען די חלק הארי פון די געלט איז שוין געווען האט זיך געמאכט שוועריקייטן דאס אריבערצושיקן צו יענעם ראיאן, מען האט זיך געמוטשעט צו טרעפן טרענסלעטארס און פארבינדונג לייט, און נאך א רייע טעכנישע פראבלעמען וואס זענען אונטערגעקומען אויף טריט און שריט, ווי ביי א יעדע דבר טוב ובפרט ביי אזא ענין נשגב וואס איז פארבינדן מיט הצלת ישראל וקידוש שמו יתברך.

מוסד הק' נטרונא דריקט דעריבער אויס א שבח והודאה לקל גומר עלינו, ב"ה אז מען האלט שוין דא אז דער קאמפיין האט זיך פאקטיש אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע הצלחה וסייעתא דשמיא. און איז אצינד איינגעטיילט געווארן אין פיר באזונדערע חלקים, די רעקלאמעס אינעם על – קוואדס צייטונג; 'בענערס' אין דעם על – קוואדס אינטערנעט זייטל; פאסיגע מעסעזשעס פאר מיליאנען אויף די סאציאלע מידיא נעטוואק, מאכען "נייעס פון די נייעס" א פובליק רעלישענס קאמפיין אין די וועלטליכע פרעסע און מידיא.

## רעקלאמעס אינעם על-קוואדס צייטונג:

די ערשטע און וויכטיגע שריט וואס האט ערפענט דעם קאמפיין איז די קאסטבארע רעקלאמעס וועלכע ווערן אריינגעשטעלט אין דעם פראמינענטן צייטונג און על-קוואדס וועבזייטל במשך די פארלאפענע וואך און די קומענדיגע וואך. די רעקלאמעס זענען באזירט אויף דעם נוסח וואס עס האט געשריבן בשעתו דער מרא דארעא דישראל הגרי"ח זאנענפעלד זצוק"ל, נאך די ביטערע פרעות תרפ"ט, וואו ער ווענדט זיך צו די פאלאסטינער שכנים מיט א רוף צו פרידן און שלום.

אין דעם געניען נוסח הכרוז איז אריינגעלייגט געווארן אומצאליגע שעות, טעג און נעכט, על כל קוץ ותג, עס זאל געשריבן ווערן בשים לב ובדעת נבון הונדערט פראצענט לויט דעם דרך המקובל לנו פון איתן אדונינו רביה"ק מסאטמאר זי"ע. דער בריוו איז געווארן מנופה בי"ג נפה אייגאמאל און נאכאמאל אז קיין איין ווארט זאל חלילה נישט קענען אויסגעטייטשט ווערן מיט אן אומריכטיגע משמעות שלא כרצונינו.

די רעקלאמע אונטער'ן קעפל "א דעקלעראציע און רוף צו שלום" באטאנט אז "זינט דער אויפקום פון די ציוניסטישע מדינה, שאפט זיך דער איינדרוק אז ס'איז דא א פארבינדונג צווישן דעם נאציאנאליסטישן ציוניסטישן געדאנק און דאס אידיש פאלק. דערפאר האבן מיר, אלס די פארזעצער פון די מסורה פון אידישן פאלק אן ענדערונגען, געפינען פאר ריכטיג, אויסצושטרעקן צו אייך א גרוס און קלארשטעלן עטליכע פונקטן".

עס באציעט זיך דאן צו דעם ארגינעלען דרך הגלות פון אידישע קינדער, וואס האבן אין אלע דורות, געלעבט בשלום מיט אונזערע שכנים אין אלע לענדער וואו מיר זענען צושפרייט דורכאויס נאנט צו צוויי טויזנט יאר פון אונזער גלות, ווי די תורה הק' זאגט אונז "דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום".

דער כרוז באטאנט אז אויך מיט די אראבישע שכינים האבן אידישע קינדער פון שטענדיג אָן געהאט באציאונגען פון שלום און פריינטשאפט מען האט זיך צוזאמען באשעפטיגט אין האנדל, און זיך אפילו געהאלפן איינער דעם אנדערן, ביז דער אויפקום פון דער ציוני'סטישער געדאנק, וואס איז אין קעגנזאץ צו די ריכטיגע אידישקייט פון תורה און אמונה, און איז טאקע שטענדיג באקעמפט געווארן דורך דאס אידישע פאלק און אירע רבנים.

אין די רעקלאמע ווערט קלארגעשטעלט אז די ציוני'סטישע באוועגונג האבן נישט דאס רעכט צו רעדן צו אלץ פארטרעטער פונעם אידישן פאלק. אידישקייט איז א רעליגיע וואס איז משועבד צו די תורה, אין קעגנזאץ צו ציונות וואס איז א פאליטישע באוועגונג וואס שטעלט זיך קעגן די תורה. פירער און/אדער שטיצער פון ציונים פארטרעטן נישט אין קיין פאל



القدس
٩ الثلاثاء ٢٠١٥/١١/٢٤ Tuesday 24 November 2015

TRUE TORAH JEWS against zionism

يهود من أجل السلام

# توضيح ونداء من أجل السلام
## لجيراننا الفلسطينيين

السلام عليكم ورحمة الله وبركاته،،،

منذ قيام الدولة الصهيونية، تنتشر الفكرة المغلوطة أن هناك علاقة بين الفكرة القومية الصهيونية وبين الشعب اليهودي. لذا وبصفتنا حماة تراث الشعب اليهودي غير القابل للتغيير، فإننا نقدم لكم يدنا ممدودة من اجل السلام ونوضح النقاط التالية:

أ) لأننا يهود أمناء للتوراة، فإننا نأتمر لأحد أهم مبادئ الدين اليهودي، وهي أن نكون أوفياء للممالك التي نحيا في ظلها وأن نعيش بسلام مع جيراننا في جميع أماكن شتاتنا. إن التوراة تدلنا على طريق السلام حيث جاء فيها «طرقها طرق نعم وكل مسالكها سلام»، وفعلا هكذا تصرف الشعب اليهودي على مدار الفيّ عام في الشتات، وفي جميع الدول التي سكنها.

ب) لذلك، فقد كانت العلاقات بين الشعبين العربي واليهودي منذ القدم علاقات سلام وأخوّة، وسادت أواصر الصداقة بينهما على الدوام. وخير دليل على ذلك وجود مئات آلاف اليهود في الدول العربية منذ مئات السنين، حيث عاشوا في هذه البلاد مُعززين مُكرمين ونالوا كل احترام وتقدير. حتى اليهود الذين اختاروا البقاء في أرض إسرائيل لأجيال وأجيال، فقد عاشوا حياة شراكة وأخوّة مع الفلسطينيين سكان البلاد، فتاجروا معهم وساعدوهم وتساعدوا بهم، وشاركوهم أفراحهم وأحزانهم.

ت) قبل مئة سنة تقريبا ظهرت مع الأسف الفكرة الصهيونية، وكان هدفها الخبيث تحويل اليهودية الأصلية والحقيقية النابعة من التوراة والإيمان، إلى ثقافة جديدة تقوم على القومية والتمرد وتتعارض مع كتاب الشعب اليهودي. وفعلا، مع تأسيس الحركة الصهيونية، خرجت جموع شعب إسرائيل وعلى رأسها القادة والحاخامات لمعركة ضد هذه الحركة وعارضوا بشراسة فكرتها وجوهرها.

ث) لم تكتف الصهيونية بذلك، بل وتمادت في جريمتها ونهبت الهوية اليهودية الأصلية، وأصبحت تدّعي من على كل منبر أنها المُمثل الحقيقي للشعب اليهودي، بينما هذا الأمر غير صحيح على الإطلاق والعكس هو الصحيح. اليهودية دين تحكمه التوراة، أما الصهيونية فهي حركة سياسية تناقض التوراة. قادة و/أو داعمي الصهاينة لا يُمثلون بأي شكل من الأشكال اليهودية و/أو الشعب اليهودي.

ج) الحركة الصهيونية هي المصيبة الكبرى التي أصابت الشعب اليهودي منذ قيامنا كشعب. نحن اليهود من عانى أشد معاناة منهم لأنهم يستخدموننا طعمة مدافع لتحقيق مآربهم. بل أن بعض المنظمات والمجموعات الصهيونية توانت عن تقديم العون للشعب اليهودي أثناء المحرقة النازية، على أمل أن يساعدهم ذلك على إقامة الدولة. للأسف الشديد، فإن الخلط الذي ساد بين المصطلحين «اليهودية» و«الصهيونية»، أدى إلى إلحاق الضرر بالعديد من اليهود الذين كانوا يسكنون بكرامة واحترام في البلاد العربية، فخسروا ممتلكاتهم وأمنهم. وكذلك الحال في فلسطين التي سكن فيها اليهود والعرب بأخوة وسلام، لدرجة أنهم كانوا يعتنون بأطفال بعضهم، تحولت البلاد إلى مكان تسود فيه الكراهية والنزاعات.

ح) لقد أعلنت اليهودية الحريدية ولا تزال تعلنها جهارا بأن الصهيونية لا تُمثل الشعب اليهودي، وأن اسم «إسرائيل» الذين يستخدمونه، زائف. لذا، لا علاقة بين أقوالهم، تصريحاتهم وأفعالهم وبين الانتماء للشعب اليهودي، ونحن نرفض أن ندفع ثمن هذا الزيف. لكننا، وللأسف الشديد، لا نملك أي منبر لإسماع صوتنا الذي تخنقه الحركة الصهيونية.

خ) وعلى خلفية العاصفة التي ثارت مؤخرا حول قضية جبل الهيكل/ الحرم القدسي الشريف، نود أن نوضح ما يلي: أولا، منذ خراب هيكلنا يُحظر علينا ولأسباب دينية أن تطأ قدمنا أرض الحرم القدسي، الإجماع التام في اليهودية منذ ألفي عام وهو حظر الدخول إلى الحرم القدسي حظرًا تامًا. هذا الحظر أكده هذه السنة أيضا جميع الحاخامات والمحاكم اليهودية الدينية الأصلية دون أي استثناء. ثانيًا، في هذه الأيام على وجه الخصوص والتي تؤدي زيارة الحرم فيها إلى نزاعات وخلافات، يُحظر علينا القيام بذلك بسبب فرض آخر تأمرنا به التوراة التي تنهانا عن الانجرار وراء الكراهية وتأمرنا بالسلوك الوديع والهادئ.

د) لقد بذلت اليهودية الحريدية جهودا مُضنية في الفترة الأخيرة لمنع دخول اليهود إلى الحرم القدسي، وقد نجحنا في منع ذلك بشكل كبير، والكثير من اليهود الذين كانوا يزورون الحرم توقفوا عن هذه العادة. كلنا أمل بأن نواصل نشاطنا هذا وأن نمنع قدر المُستطاع دخول اليهود للحرم القدسي الشريف.

ذ) إننا نمد لكم يدنا ممدودة للسلام، ونؤكد مرة أخرى ونوضح بأننا نريد العيش بسلام وأخوّة ووئام مع جيراننا العرب الفلسطينيين كما عشنا منذ سالف الزمان. نصلي للمولى القادر على كل شيء لتحقيق السلام القائم على التفاهم المتبادل وليس على أرواح القتلى من أي جانب، لا الفلسطيني ولا اليهودي. كل مكروه يصيب إنسان يُحزن الرب. كل إنسان في هذا العالم خلقه المولى عز وجل والتوراة تلزمنا بأن نحترمه بغض النظر عن أصله، جنسه أو خلفيته.

إننا ننتظر اليوم الذي تعترف فيه الإنسانية جمعاء بملكوت الخالق. هذا النزاع ليس أبدياً. وعندما يهبط الغبار سيسود السلام، وعندها سيكافئ الرب من سعى للسلام والأخوّة. ولا أسمى عند الخالق ولا أرفع من السلام.

يهود أمناء للتوراة
لمزيد من المعلومات حول معارضة اليهود للصهيونية:
www.truetorahjews.org

אידישקייט און/אדער דעם אידישן פאלק. זייערע דערקלערונגען און זייערע מעשים האבן קיין שום פארבינדונג און שייכות צום אידישן פאלק, און מיר זענען נישט גרייט צו באצאלן די בילס וואס זענען נישט אונזערע. אבער לײדער האבן מיר כמעט נישט קיין וועג און פלאטפארמע צו לאזן הערן אונזער שטימע וואס ווערט פארשוויגן און דערשטיקט במשך די אלע יארן.

בנוגע דעם לעצטיגן "הר הבית" סומוטאכע שטעלט דער בריוו קלאר אז דער סטאטוס קווא פון אידישקייט דורכאויס די לעצטע צוויי טויזנט יאר איז געווען גענצליך צו פארבאטן דאס ארויפגיין צום הר הבית. און אידן האלטן זיך דערצו עד היום הזה, מען פרובירט צו אפהאלטן די עטליכע וואס גייען יא ארויף און מען שטייט אויף דער וואך נישט צו אויפרייצן מהומות.

צום לעצט ענדיגט זיך די רעקלאמע מיט דעם קלארן מעסעדזש פון תורה טרייע אידן: "מיר שטרעקן אויס אונזערע הענט צו אייך צו פרידן, אונזער געבעט צו השי"ת איז אז מיר זאלן דערגרייכן שלום מיט קעגנזייטיגע פארשטענדעניש און נישט דורך מענטשליכע פארלוסטן פון קיין שום זייט, יעדער פגיעה אין א מענטשליכע לעבן איז א צער פאר השי"ת. "די קריגעריי איז נישט אויף אייביג. ווען דער גרענעץ וועט אונטערגיין, וועט הערשן דער שלום, און דאן ווער עס האט געהאלפן צו שלום און ברידערליכקייט, וועט באצאלט ווערן דורך השי"ת." דאן צייגט דער רעקלאמע אן צו דעם וועבזייטל פון תורה טרייע אידן וואו עס איז פאראן מער אינפארמאציע איבער די אלע טעמעס.

די מאכטפולע רעקלאמע האט אויפגערודערט ווי אינמיטן העלן טאג אין די מזרח ירושלים פרעסע, דער עצם פאקטאר אז אזא פראמינענטער און שטארק – אנערקענטע טעגליכע צייטונג האט ארייננעשטעלט אזא דייטליכן מעסעדזש פאר פרידן פון תורה טרייע אידן האט געצויגן אויגן ברעמען בײ הונדערטער טויזנטער, און האט געהאט א מעכטיגן אפקלאנג אין דעם גאנצן ראיאן. דאס זעהט מען פון דעם פאקט אז די "על-קוואט" צייטונג האט באשלאסן על דעת עצמם צו באריכטן א "עדיטאריעל" איבער די רעקלאמע אויך אויף זייער וועבזייטל, בײגעלייגט מיט אן איבערזיכט און באריכט איבער די שטעלונג פון תורה טרייע אידן צום מיטל – מזרח קאנפליקט. אן ארטיקל וואס איז ארומגעשיקט געווארן אין די נאכפאלגענדע טעג דורך אומצאליגע פאלאסטינער אקטיוויסטן און סתם המון.

## 'בענערס' אין דעם על-קוואדס אינטערנעט זייטל:

אין נאך א קאסטבארע אונטערנעמונג נאכמער צו פארשפרייטן דעם רוף פאר שלום פון יהדות החרדית, איז ארויסגעדינגען און אפגעקויפט געווארן טייערע "בענערס" אין די פרעזטושפולע נייעס וועב – זייטל פון "על קוואטס", עס זאל דארט לויפן פאר א משך פון א לענגערע צייט אנגעהויבן פון די וואך.

די "בענערס" שפרינגען שוין אין די אויגן פון די מיליאנען באזוכער און פארציילן איבער דעם ריכטיגן שטעלונג פון תורה טרייע אידן. עס טראגט דעם לאזונג פון תורה טרייע אידן און פירן די באזוכער צו דעם ארטיקל וואס שטעלט פאר א לענגערע רייכע ערקלערונג וואס שילדערט דעם תורה'דיגע בליק אויף די געשעענישן און וויאזוי אידן רעאגירן מיט שלום באמיאונגען צו אלעמען.

נאכמער, חפץ ה' בידנו הצליח אז די "בענערס" לויפן אויף'ן סאמע – ערשטע ארט פון די נייעס נעטווארק, אויבן אן פון די טעגליכע נייעס, וואס דורך פובליק רילעישן מומחים ווערט אנגעוויזן אז אזעלכע "בענערס" זענען פון די סאמע – שטארקסטע פראפעגאנדע געצייג בימינו אלה, און א גרינגער וועג וויאזוי צו ציען אויפמערקזאמקייט פון מיליאנען מענטשן בכל רחבי תבל.

## מעסעדזשעס פאר מיליאנען אויף די סאציאלע מידיא נעטוואק:

די לעצטע און פילייכט מערסט עפעקטיווע קאמפיין מיטל וואס לויפט ב"ה פאראויס מיט אן אויסטערלישע ערפאלג איז די מעסעדזשעס וועלכע ווערן געלופטערט דורך די סאציאלע מידיא נעצן פון די "על – קוואטס" אגענטור און אנדערע שטארק פארשפרייטע און פראמינענטע נעטווארקס.

אויף די וואכנדיגע פרשה, פרשת וישלח זאגט טאקע רביה"ק זי"ע אין חידושי תורה תשט"ז אז דער פסוק כדבר הזה תדברון אל עשו, איז מיט א כ"ף הדמיון, אונז צו לערנען אז אין יעדן דור ווערט נשתנה די מהלכים און דרכים וויאזוי צו אויסצופירן דעם דרך הגלות פון יעקב אבינו, אבער דער תכלית איז אז מען זאל ליידן דעם עול הגלות און מפרסם זיין אונזער הכנעה פאר זיי, מפני שכל גלות הוא בבחינה אחרת אבל הסגנון הכל אחד הוא, שילכו בהכנעה לפני האומות.

אט די דיבורים קילורין לעינים איז דאס מערסטע פאסיג ביי דעם נייעם דרך הפעולה, וואס איז בעצם היינט די שטארקסטע וועג אנצוקומען צו מיליאנען אויפאמאל, דורך די היינטיגע טעכנעלאגיע

מעטאדן ווען די גאנצע וועלט פירט זיך אויף די סאציאלע מידיא פלאטפארמען.

ס'איז אפילו אנגעוויזן געווארן אז א גרויסער טייל פון די יעצטיגע אומרוען אין רציחות אין ארה"ק איז בעיקר אנגעצינדן געווארן דורך אזעלכע סארט מעסעזשעס אויף די סאציאלע מידיא, די מאסן אראבישע יונגטליכע ווערן אויפגערייצט דורך קאמענטארן און בילדער וואס פארט ארום און ווערט פארשפרייט אין מינוטן. דאס איז בלויז א ביישפיל וואס פארא השפעה די סארט פעולות האבן אויף די ברייטע גוי'אישע גאס.

נאך אסאך אונטערוועגן און שתדלנות האבן די עסקנים פון נטורנא באוויזן צו משכנע זיין די רעדאקטארן פון דעם "על-קוודס" צייטשריפט אז זיי זאלן מעלדן אונזער תורה'דיגע שטעלונג אויף זייערע סאציאלע מידיא נעטווארקס, וואס ווערט נאכגעפאלגט דורך אריבער 129 טויזענט נאכפאלגער, דערונטער די גוים פון מזרח -ירושלים און אומגעגענט.

און דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז ווען מען טוט און מען מיינט ערנסט איז דא סייעתא דשמיא נאכמער ווי געראכטן למעלה מן המשוער. די אגענטור האט, אנדערש ווי דער שטייגער אז מען שיקט ארויס איין מעסעזש פון יעדע נייעס, באריכטעט אזויפיל ווי דריי מאל אינעם זעלבן טאג איבער 'תורה טריי אידן' און אונזער מיינונג. די מעסעזשעס זענען ארויסגעשיקט געווארן פאר זייערע 129 טויזנט אראבישע נאכפאלגער יעדע עטליכע שעה נאכאנאנד און דערנאך ציטירט און איבערגעשיקט געווארן דורך פילצאליגע אנדערע גרעסערע און קלענערע אקאונטס, שאפנדיג א כוואליע פון א מעכטיגער פירסום וואס האט דערגרייכט הונדערטער טויזנטער בפועל אויף א פארנעם ווי קיינמאל בעפאר.

פארשטענדליך אז כדי דאס צו ערגרייכן האט מען געמוזט אראפלייגן געוואלדיגע סומעס געלט פאר כסדר'דיגע רעקלאמעס אין דעם צייטונג, אז זיי זאלן מסכים זיין צו באריכטן אויף אזא ברייטע פארנעם. אבער עס האט זיך ב"ה אויסגעצאלט יעדע פרוטה, זעהנדיג דעם מורא'דיגן אפקלאנג וואס זעצט ווייטער פאר מיט צענדליגער מעסעזשעס פון אלע ערליי פיגורן וועלכע שיקן דאס ווייטער פאר צענדליגער טויזנטער.

## פעולות נמרצות זעצן פאר להצלת ישראל:

ברוך ה' אז דער קול האמת איז דערהערט געווארן אויף א פיל שטארקערן און ווייטערן אופן ווי געראכטן, דער גרויסער קידוש ה' וועט אריינגיין אין די דברי הימים פונעם לאנג יעריגן העלדישן קאמף פונעם יהדות החרדית מיט די טומאת הציונות אלס אזא וואס האט געשלאגן טיפע ווארצלן און פאקטיש אויפגעטרייסלט די מידיא און פרעסע נעצן אויף א פרעצעדענטלאזן שטייגער וואס געדענקט זיך אייפאך נישט, דער ברייטפארצווייגטער קאמפיין וואס האט געשלאגן אזעלכע טיפע ווארצלן אין די אראבישע וועלט ווערט באצייכנט דורך אלע זאך קענער אלס קאלאסאלע דורכברוך אין די גאנצע אופן פון תכסוסי המלחמה, צו רעדן גראד צום דעם מן דהו וואס וויל חלילה נעמען די מעסער אין די האנט, און שרייען הרף! דאס איז א מהפיכה של ממש וואס איז בעז"ה באוויזן געווארן נאך אומערמידליכע כוחות און פלאג אינערהאלב די נטורנא אפיסעס בזכות די כח הפועל בהנפעל פונעם ציבור הקדוש וואס האט זיך אנגעשטרענגט לקדש שם שמים וזכות אבותם מסייעתם.

די גרויסע הצלחה איז נישט אנגעקומען לייכט, אבער יעצט אז דער צינור איז שוין אפן מוזן מיר זעהן מיט אלע כוחות




אז עס זאל בלייבן אפן. אז דער מעסעדזש זאל נקבע ווערן ביי זיי אין די קעפ דארף מען ווייטער האמערן מיט רעקלאמעס און פירסום, וואס ווי פארשטענדליך ציעט עס אין ריזיגע פרישע געלטער וואס דארף געשאפען ווערן, וחפץ ה' בידינו יצליח.

מען זיצט ב"ה נישט מיט פארלייגטע הענט און מען ארבעט פיבערהאפטיג אויף קעסל און כלים, פארצוזעצן דעם סוקסעס אויף ווייטער, די נטרונא שטאב זענען אין העפטיגע קארעספעדאנץ מיט פארשידענע מידיא פארשטייער פון איבער די גארער וועלט מיט וועמען מען האפט צו ארבעטן ווייטער אין די קומענדיגע וואכן. במשך די גאנצע צייט טוט מען איינמאל און ווידעראמאל שטעלן דעם ריכטיגן טאן, ארויסברענגען אויפן אויסגעהאלטענעם דרך המסורה אונזער התנגדות און קאמף מיט די טומאת הציונות.

די הייליגע מערכה איז אין פולן ברען אויף עטליכע פראנטן, און מען נויטיגט זיך יעצט קריטיש אין ריזיגע סומעס מען זאל קענען ממשיך זיין דעם היסטארישן קידוש השם. אידן אחים לדעה זאלן אריינקלערן, אין א צייט וואס אידיש בלוט גיסט זיך אין ארה"ק וואס האבן מיר געטון דאס אפצושטעלן? אנא הרימו את תרומת הקודש, מיר וועלן אזא געלעגנהייט מער נישט האבן, לאמיר עס נישט אדורכלאזן, לאמיר ראטעווען אידישע קינדער און מרומם זיין דעם כבוד פון השי"ת!

הבו גודל למקדשי ה'. אידן רחמנים בני רחמנים ווערן געבעטן זיך צו עפענען די הערצער און טאשן פאר דעם אזוי וויכטיגן "להודיע ולהציל" קאמפיין, צו דעקן די ריזיגע הוצאות פון דעם הצלת ישראל,

רופט אריין צו דעם ספעציעלן קאמפיין נומער און שליסט אייך אן מיט אייער ברייטהארציגע נדבות הלב, לכה"פ מיט דעם סכום פון הונדערט דאלער, צו דעקן די גרויסע קאסטן למען כבוד שמו יתברך. וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים.

**רופט יעצט די קאמפיין נומבער ווי מען ווארט אף אייער חשובע נדבה:**

**718.873.0756**

# די מחאה איז א הצלה פאר אידישע קינדער כלפי שמיא

ואילן מיליא יהון לרקיעא, דער תכלית פון דעם קידוש שם שמים איז צו לאזן הערן די וועלט-פעלקער אז דאס אידישע פאלק וואס קלאמערן זיך נאך צום רבוש"ע און זיין תורה, זענען זיך מתנגד צו התגרות באומות, און ווילן נישט בועט זיין אין דעם גזירת הגלות, נאר זענען מקיים דעם דרשו את שלום העיר אשר הגלתי אתכם שמה.

אבער דער ריכטיגער תכלית פון דעם פעולת הפרסום איז פארשטענדליך אויך געווען דער מילין לצד עילאה ימלל, דער בריוול צוגעשיקט צום גוי איז גלייכצייטיג געווען דער גרעסטער לימוד זכות אויף אידישע קינדער בשמי מעל.

אזוי זאגט דער ספה"ק נועם אלימלך אין די וואכענדיגע פרשת הגלות פרשת וישלח אויפן פסוק 'כה תאמר לאדני לעשו', אז אויך ווען מיר רעדן צום גוי איז די עיקר כונה צו מעורר רחמים זיין אין הימל. רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט דאס ווארט נאכגעזאגט בתוך דברות קדשו ס"ג פרשת משפטים תשט"ו, זאגנדיג אז דאס איז דער ענין פון מחאה קעגן די עושי רשע, וואס איז אויך א תפלה און א מליצה ישרה אויף כנסת ישראל, און מיט א שטיקל מחאה קען מען אראפנעמען דעם חרון אף.

מתוך דבריו הק' פונעם נועם אלימלך למדנו אז ווי שטערקער דער פרסום כלפי די אומות העולם איז אלס בעסער און שטערקער איז אויך דער לימוד זכות כלפי שמים, דער לאדוני לעשו גייט צוזאמען. ס'איז בלי ספק אז חוץ די בדרך הטבע'דיגע הצלה פון די פעולות מאכט עס אויך א רושם בשמים ממעל צו היטן אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם ובפרט יושבי ארה"ק, די גרויסע פעולה האט מקיים געווען דעם השיב את חמתי מעל בני ישראל בקנאו את קנאתי בתוכם, און ברענגט א הצלה ופליטה גדולה בגשמיות וברוחניות.

די היסטארישע קאמפיין פון יהדות החרדית וועט געוויס געדענקט און פארשריבן ווערן מיט גאלדענע אותיות אין די דברי הימים פון גלות אידן, און שטעלט מיט זיך פאר א רייכער קאפיטל אין דעם הערואישן קאמף פון תורה טרייע אידן קעגן די טומאת הציונות, ווען די אידישע התנגדות צום ציונות איז געקומען צום אויסדריק לעיני העמים והשרים אויף אזא פרעצעדענטלאזן און באדייטפולן פארנעם, לקדש שם שמים.

**ברוך שהחיינו לזמן הזה! ברוך המקדש שמו ברבים!**

# באטראכטונגען און אבזערוואציעס איבער דעם אנגייענדן טעראר אין ארה"ק

אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם זענען אין די טעג מעתיר בתפלה מיט זארג און האפענונג פאר א ישועה משמים און מען קוקט ארויס צו הערן בשורות טובות פון ארה"ק. מיר שטייען אין זמנים ווען ס'איז נעבעך מדת הדין מתוחה אויף אידן אין ארץ ישראל, אנדרלמסי' בא לעולם והורגת טובים ורעים, פאריגע וואך זענען לײדער אומגעקומען עטליכע אידישע קינדער, דערונטער אפילו אונטער דעם בת אדער בר עונשים, ווי לדוגמא; אן ערליך יונג מיידל און א בחור פון אמעריקע עזרא שווארץ הי"ד. איך יערוב לנו אכול ושתה ווי קען מען אנגיין מיט'ן סדר היום ווען אזעלכע שמועות מבהילות לאזן נישט נאך פון ארץ ישראל. בזכרי זאת איננו מניח לי לישון. כל ראש לחלי וכל לב דוי.

בשייכות צו די לעצטיגע טראגעדיעס, האט די פרעסע געוואוסט צו דערציילן אז די משפחה פון הב' עזרא שווארץ ע"ה האט צוריק געברענגט דעם נפטר אהער קיין אמעריקע, ער זאל באהאלטן ווערן אין א היזיגן בית עולם. דאס איז געווען א שטארקער קלאפ פאר די מדינה פירער וועלכע גלייכן זייער צו קאמפיינען אויף אידישע לײדן. די ציוני'סטישע פירערשאפט האבן שוין געמאכט פאר זייער טראדיציע אז ווען אימער און וואו אימער א איד ווערט נעבעך דערהארגעט לייגן זיי ארויף די לאפעס אויף זיין קבורה, און טון אלעס אים ארויפצוברענגען קיין ארץ ישראל, ווי צו ווייזן אז זיי זענען די טאטעס און פארזארגער פון כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

אין דעם יעצטיגן פאל איז עס זיכער א זכות פאר דעם אומגעקומענעם איד אז ס'איז ארויסגעקומען פון אים אזא גרויסער קידוש ה', ווען די משפחה האט געצייגט פאר די ראשי הממשלה אז איר זענט נישט אונזערע אחראים, און מען האט צוריק אהערגעברענגט די קבורה. יהי' הדברים לעילוי נשמתו.

## בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל

**אמעריקא געט שוין די פולע הסכמה אז די מדינה קען זיך אליינס פארטיידיגן און קיינער האט זיך נישט וואס צו מישן**

אויף'ן פאליטישן פראנט איז דער אמעריקאנער אויסערן מיניסטער דשאן קערי, אפגעפלויגן קיין מיטל מזרח פארגאנגענע וואך צו רעדן מיטביידע צדדים אינעם קאנפליקט מיט די האפענונג צו איינשטילן דעם בלוט פארגיסונג.

סטעיט דעפארטמענט באאמטע האבן אבער קלארגעשטעלט פאר די פרעסע אז קיין שום ארגומענט וועט לכאורה נישט יעצט ווערן דורכגעפירט צווישן די פארטייען יעצט. "עס איז נישטא יעצט גארנישט וואס מיר פרובירן זיי צוצורעדן מסכים צו זיין. מיר פרובירן נאר צו מוטיגן ביידע זאלן טון די סארט זאכן וועלכע זענען בייהילפיג פאר זייערע אינטערעסן און צו אפהיטן די סטאביליטעט אינעם ראיאן."

דער ווארטזאגער זאגט אז קערי האט איבערהויפט נישט אין ציל צו פרובירן צואיילן די צדדים זאלן באנייען די שלום געשפרעכן איבער א צוויי – שטאט לעזונג.

ער וויל נאר עס זאל געטון ווערן שריט צו איינשטילן די געמיטער, כאטש אויף דערווייל.

דאס קומט נאכדעם וואס א וואך בעפאר האט די וועלט אויסגעדריקט קריטיק אויף די באשלוס פון נתני' צו באשטעטיגן פלענער איבער שטחים וואו עס זאל געבויעט ווערן 454 הייזער פון התנחליות אין מזרח ישראלים, די פלענער זענען שוין אין די פארגאנגענהייט אראפגענומען געווארן פון טיש אבער יעצט צוריק באנייט געווארן.

מיט א ניכטערן בליק אויף די מיטל מזרח ארענע ווייזן אן פאליטישע עקספערטן אז אמעריקע אונטער פרעזידענט אבאמא האט בעבר געטון א געוואלד צו פאראויסרוקן די פאראנקערטע שלום געשפרעכן. דער סעקרעטערי אוו סטעיט דשאן קערי, איז אין די לעצטע זיבן אכט יאר געפלויגן צענדליגער מאל אהין און צוריק און אינוועסטירט טויזנטער שעות צו אויסהאמערן א שטיקל שלום וואס וועט ברענגען עפעס רואיגקייט אין דעם ראיאן.

אמעריקע האט זיך אבער אנגעשטויסן אין א הארטע וואנט, יעדעס מאל האט די ציונים אין שפיץ פון דעם עקשן ביבי געפינען א נייע סברא און פרישע מיטלען צו שלעפן מיט די צייט און צעגערן מיט די החלטות. יעדעס מאל ווען עס האט אויסגעקוקט אז מען האלט שוין ערגעץ און די פארהאנדלונגען ריקן זיך פאזיטיוו איז אויפאמאל געקומען די מעלדונגען פון ביבי'ס אפיס איבער פרישע באשטעטיגונגען פון נייע דירות

פראיעקטן אויף די שטחים, דאס איז א חכמה נפלאה וואס נאר די בלינדע ציונים פארשטיין דערצו, אזוי איז אויך געווען ווען אימער הויכראנגיגע אמעריקאנער פאליטיקאנטן זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל. אזעלכע הויכראנגיגע באאמטע ווי וויצע פרעזידענט ביידן און סעקרעטערי אוו סטעיט קערי האבן אויך 'זוכה' געווען צו אזעלכע סארט קבלת פנים'ס אינעם עבר, וואס האט בשעתו אויפגעשטורעמט די וועלט און האט געזאלט געבן פאר אמעריקע דעם ריכטיגן בליק מיט וועמען מען האט דא צוטון.

די אבאמא אדמיניסטראציע האט אבער נאך פרובירט, ביז אלעס איז ענדגילטיג דורכגעפאלן מיט צוויי יאר צוריק ווען פרישע התנחליות זענען באשטעטיגט געווארן דורך ביבי נתני'.

יעצט ווען עס פלאקערט א מעסער אינטעפאדא אין ארץ ישראל און מען עסט די פירות פון דעם שפארבערישן מהלך פון נישט נאכגעבן, שפירט זיך ווי אמעריקע איז שוין זאט און מיעד פון פרובירן פאראהאנדלען, קערי זאגט קלאר אז ער איז שוואך פאראינטערעסירט צו שאפן א צוויי – שטאט לעזונג. ס'איז ווי א מעלדונג צו ביידע צדדים: "ווען איר זענט גרייט צו זאכליכע פאראהאנדלונגען, וועט אמעריקע דארט זיין אייך צו העלפן, דערווייל עסט חריין איינעם פונעם צווייטען".

די ציוניסטישע דריידלער פון מאכן זה חליפתי זה כפרתי מיט די פאראייניגטע שטאטן און זיך אהער שטעלן ווי א פעסט אינגעל וואס האט נישט מורא איז דערווייל געקומען צו אן ענדע. די געוואלדיגע חכמה פון באשטעטיגן פרישע ריזיגע התנחליות בשעת אמעריקאנער הויכראנגיגע שלוחים געפינען זיך דארט, און דאס זיך איבערקליגן יעדעס מאל מיט נייע שפיצלען קעגן א שלום, אט די געניאלע 'טריקס' זענען ווארשיינליך אויסגערינען און אפגעלאפן.

די אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט זענען שוין מסכים צו די איזראעלי רעטאריק אז די מדינה קען זיך אליינס פארטיידיגן און אמעריקע האט זיך נישט וואס צו מישן.

וויפיל זינלאזע תרעומות וואס מען האט געהערט כסדר, ליידער אויך פון היימישן לאגער, אז די אמעריקאנער אדמיניסטראציע איז נישט גענוג נאכגעביג פאר די מדינה ווייל זיי גלייבן נישט גענוג אין דעם טאקטיק פון "אנלערנען" די אראבער און זיי צייגן "איינמאל פאר אלעמאל". אויב האט אמעריקע עטוואס מסופק געווען אין דעם מהלך זענען זיי פארוואנדלט געווארן אין וויסטע אנטיסעמיטן און מוסלעמענער - ליבהאבער.

דער שפראך אין די אידישע גאס איז צום באדויערן געווען אז דער אמעריקאנער פרעזידענט און דער סטעיט דיפארטמענט, פארשטייען פשוט נישט ווי אזוי מ'דארף זיך אומגיין מיט די אראבער... די מדינה קען זיך אליין א עצה געבען און אמעריקע האט זיך נישט וואס אריינצומישן. מען דארף פשוט באשטעטיגן נאך און נאך התנחליות און צייגן פאר די אראבער א שטארקע האנט ווער ס'איז בעה"ב אין דעם ראיאן. אנדערע האבן אפילו צוגעלייגט אז "אלעס קאסט א פרייז" און 'דאס איז די פרייז פון דעפענס' רח"ל.

אויב האנדלט זיך עס אין א פרישת שלום און הכנעה בגלות פאר די אומות העולם דעמאלט איז מען זייער חייש אויף נישט געפלויגענע חששות, עס וועט ברענגען חיזוק פאר די אראבער, אבער ווען מען טוט בפועל אזעלכע סארט אקטיוועטעטן וואס ברענגען אויף למעשה טעראר און רציחות דעמאלט ברויך מען דאס פארטיידיגן ווייל, דאס איז די פרייז, ה"י.

דער גוי'אישער מהלך פון מקריב זיין מענטשן ביי א מלחמה איז אפשר גוט ווען עס האנדלט זיך ביי די לענדער פון די אומות העולם וועלכע קוקן אויף יעדן סאלדאט ווי א חלק פונעם גרויסן פאזל וואס מאכט נישט צופיל אויס פאר די טובה פון דעם נאציאן. ביי אידישע קינדער איז דאך אבער יעדער איד וואס קומט אים, א נפש אחת מישראל וואס ווערט אומגעברענגט אויפן מזבח פונעם ציונות, ווי עס דריקט זיך אויס רביה"ק מסאטמאר זי"ע אין די הקדמה צום ספה"ק עה"ג ועה"ת בלש"ק: **הכי יש היתר עפ"י התורה להפקיר ולגרום אבדון נפשות ישראל, וחביב ויקר לפני השי"ת כל נפש מישראל, וכל חפצי העולם לא ישוו בה.**

דער אמעריקאנער פרעזידענט אבאמא אין זיין אדמיניסטראציע איז דורך מאנכע פון די אידישע גאס פארוואנדלט געווארן אין א שונא ישראל און א מוסלעמענער ווייל ער האט נישט צוגעשטימט גענוי צו די ביבי סטיל פאליטיק. נוצר תאנה יאכל פרי' – ווי עס שיינט האט אבאמא טאקע שוין צוגעשטימט און מסכים געווען צו די נאכאנאנדע רעטאריק וואס מען האט אזויפיל געהערט, אויך אין די היימישע קרייזן.

די סטעיט דעפארטמענט האט שוין מחליט געווען אז זיי וועלן זיך נישט מוטשן צו שאפן א לעזונג, ווי זיי וואלטן געזאגט פאר די מופקרים: איר פארשטייט דאס בעסטע וויאזוי צו באהאנדלן דעם קריזיס. נו, לאמיר זען וואס איר קענט, האקט און שלאגט, וויזט אייער מאכט און בארימט אייך מיט אייער מיליטער. און פארשטענדליך אין אזא פאל, ווען די אראבער זעהט נישט קיין צוקונפט פאר זיין לאנד און האט נישט וואס צו פארלירן, דאן

נעמט ארויס אומנות אבותיו פון ועל חרבך תחי', און דערוייל נעבעך שטעכט מען אידן איבער גאנץ ארץ ישראל, טויזנטער אידן זענען בפחי נפש עס איז נישט דא קיין מנוחה, עס איז שווער אנצוגיין מיטן טאג טעגליכן לעבען. אלס די איינפאכע רעזולטאטן און פארפוילטע פירות וואס די סארט התקוממת בגלות האט אנגעזייט.

אידישע קינדער אין ארץ ישראל גייען נעבעך דורך צער ועגמת נפש, מחוץ תשכל חרב ומחדרים אימה, דאס רחמנות איז דאך אזוי גרויס, אבער עס איז נישט דא ווער עס זאל ארייננגיין בעובי הקורה און אפשטעלן דעם מחול השדים. אמעריקע וואס איז געווען די איינציגע גוטע פריינד און פארמיטלער זוכט זיך מער נישט ספעציעל צו מישן, זיי ווילן מער נישט זיין קיין אנטעסעמיטען פאר'ן וועלן אויסהאמערן עפעס א מהלך פון שלום, זיי ווילן שוין אויכעט פארשטיין דעם ארגומענט אז די מיליאנען פאלאסטינער האבן אזויפיל רעכט אין איזראעיל פונקט ווי אינדיאנער וואס מ'האט געפונען אויפן אמעריקאנער באדן. די סטעיט דעפארטמענט אין שפיץ פון קערי האלטן אז זיי האבן שוין יוצא געווען מיט די חכמי חעלעם לכל הדיעות. ס'איז צייט צו דרייען דעם קאפ פאר א צווייטן און לאמיר באטראכטן אייער סוקסעס ראטע ווען איר ענדיגט.

ואין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, זאל דער אויבערשטער האלטן די רעכטע האנט אויף אידישע קינדער, און זיי היטן מכל צרה ועקתין בישין. נפלה נא ביד ה' וביד אדם אל אפולה.

# שענדליכער 'חוק הגיוס המתוקן' באשטעטיגט געווארן אין כנסת המינים מיט צושטימונג פון רעליגיעזע פארטייען

די וואך דינסטאג איז ארויפגעברענגט געווארן צום כנסת המינים און פאקטיש באשטעטיגט געווארן מיט א מערהייט א שענדליכע געזעץ, דער "חוק הגיוס" וואס וועט אפעקטירן רבבות בני הישיבות אינעם עתיד. ביי די ענדגילטיגע דריטע אפשטימונג האבן 46 חברי הכנסת געשטימט דערפאר קעגן 39 דערקעגען, ווען צווישן די 46 ח"כ זענען אלע 13 חרדי'שע חברי הכנסת. דערמיט איז די גזירה פאקטיש באשטעטיגט געווארן אלס א געזעץ אין לאנד דורך א מערהייט פון די חברי הכנסת, אריינגערעכנט אלע חרדי'שע חברי הכנסת פון אלע פרומע פארטייען. א גזירת שמד במלוא מובן המלה וואס וועט אריין צווינגען טויזנטער חרדי'שע בחורים אין מיליטער, און דער ציפער וועט בלויז שטייגן יאר יערליך.

דאס ארגסטע פון אלעמען איז דער אומגלויבליכער פאקטאר אז צום ערשטן מאל אין די היסטאריע פון דאס יהדות החרדית, האבן די אפיציעלע פירערשאפט און רעפרעזענטאטן פון די רעליגיעזע פארטייען פולשטענדיג צוגעשטימט און איינגעגאנגען אויף א חוק וואס וועט צווינגען א מאסן גיוס אויף צענדליגער טויזנטער בני הישיבות. די זעלבע פארטייען וועלכע האבן הייס פארשפראכן אז זיי וועלן קעמפן אז אפילו איין בחור זאל זיך נישט דארפן שטעלן צום מיליטער, די זעלבע פירערשאפט וואס האט געטומלט מיט רעדעס און צייטונג ארטיקלן ווען דער עוכר ישראל לאפיד האט ארויסגעשטעלט א 'חוק הגיוס', האבן אצינד פולשטענדיג קאלאבארירט מיט די רשעי ישראל און מסכים געווען צו צעווארפן אלע יסודות שגבלו ראשונים דורך אנערקענען און מסכים זיין אז בחורי הישיבות זאלן רעקרוטירט ווערן צום מיליטער אויף א סיסטעמאטישן פארנעם, היל"ת.

דער חוק הגיוס פון לפיד איז דא צוריק, און דאסמאל מיט די הסכמה פון די חרדים, די היפאקריטיע איז אזוי גרויס אז אפילו א פרייער חבר הכנסת המינים איתן כבל פון די עבודה פארטיי האט זיך אפן געוואונדערט פאר א חרדי'שן חבר הכנסת: **"פאראיאר זענט איר דא געשטאנען און געריסן קריעה, איך האב אייך געגלייבט, אבער יעצט זעהט א וואונדער, איר שלאגט פאר די זעלבע געזעץ"...**

אזוי האט אויך געזאגט די יוסטיץ מיניסטארשע אילת שקד אין אן עפענטליכע אינטערוויא מיט די פרעסע: מיר האבן אפגעשטופט דעם גיוס מיט עטליכע יאר און מיר האבן פארדינט א הסכמה פון די חרדי'שע פארטייען צום חוק הגיוס".

די פרומע אפיקורסים טרומפירען מיט "בעלי חיים נדחים" אז לעת עתה קען מען באקומען א דיחו, און די פרייע אפיקורסים יובל'ן מיט "נדחה וחזר ונראה", אז די פרומע האבן זיך ענדליך געבראכען פון זייערע עקשנות'דיגע ווידערשטאנד, און זיך געזעצט צום טיש פארהאנדלען ויש מחר לאחר זמן.

די טעמע איז א וויטאגליכע און א ברייטע, דעריבער וועלן מיר זיך צוריקערן קומענדיגע וואך דא אויף קול נטרונא מיט א לענגערע און דעטאלירטע באריכט איבער דעם יעצטיגן גזירת הגיוס, אירע קאנסקעווענצן בהוה ובעתיד, און די מלחמה פון יהדות החרדית דערקעגען, מדורו של משה עד דורו של משיח.

# פרשת וישלח - פרשת הגלות

די פרשת השבוע ווערט אנגערופן אין די דברי הראשונים כמלאכים "פרשת הגלות", ווייל דאס איז די מעשי אבות וואס איז סימן לבנים, און לערנט פאר אידן דעם אויסגעטרעטענעם וועג בימי הגלות וואס יעקב אבינו האט מיט אונז געלערנט, זיך צו מכניע זיין פאר די רשעים די אומות העולם, אראפבייגן דעם קאפ און סובל זיין דעם עול הגוים ועול הגליות בדומי'.

דער רמב"ן הק' ברענגט טאקע די וואך וואס ס'שטייט אין מדרש רבה אז חכמינו ז"ל איידער זיי זענען זיך געגאנגען טרעפן מיטן מלכות האבן זיי דורכגעלערנט די פרשה פון וישלח, צו וויסן את הדרך ילכו בה מיט די ריכטיגע הכנעה און דרך הגלות. וואו ער זאגט בלשון קדשו: מפני שהיתה קבלה בידם שזו פרשת גלות כשהיה בא ברומה בחצר מלכי אדום על עסקי הצבור היה מסתכל בפרשה זו **ללכת אחרי עצת הזקן החכם.**

ס'איז מערקווירדיג אז דער מנהג ווערט אויך געברענגט אין שלה"ק פרשת משפטים בשם דעם מהרי"ל, אז בימיו האט מען זיך געפירט יעדעס מאל איידער מען איז געגאנגען צו די מלוכה עפעס שתדל'ן אדער בעטן האט מען בעפאר געליינט די פרשה פון וישלח.

אין מדרש לקח טוב שטייט: ויצו גם את השני גם את השלישי גם את כל ההולכים, זו גלות רביעית שהשכיחה כל הגליות, כדבר הזה תדברון אל עשו, **שמלכותו מושכת עד המשיח, במוצאכם אותו, בגדולתו אל תקשו עורף לפניו.**

און טאקע דער סימבאל פון אידישע קינדער בימי גלותם איז שטענדיג געווען די הנהגה פון יעקב אבינו ע"ה, וואו דער מדרש זאגט ואני אתנהלה לאתי אז יעקב האט געזאגט **בפנים כרוכות אני מהלך**- שטיל און אינטערטעניג מקבל זיין דעם גזירת ה' עד אשר אבא אל אדוני שעירה ביז דעם גרויסן טאג פון ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשיו וועלן אידן זיין נכנע און איינגעהאלטן און אודאי נישט חלילה רעוואלטירן און גיין מיט עזות.

דער רמב"ן זאגט אז דאס איז א רמז לדורות, כל מה שאירע לאבינו עם עשו יארע לנו תמיד עם בני עשו, און מיר דארפן נאכגיין די וועגן פון דעם זיידן יעקב, וואס האט זיך געגרייט מיט די דריי זאכן, לתפלה לדורון, **ולהצלה כדרך מלחמה לברוח ולהנצל.**

מיר זעהן אז דער רמב"ן לערנט אפ דעם 'למלחמה' אז דאס באדייט אין גלות, לברוח ולהנצל. דאס ענין ווערט טאקע מבואר אין רבינו בחיי אויפן פלאץ בלש"ק: **אבל במלחמה אי אפשר, שנאמר (שיר השירים ב' ז') השבעתי אתכם בנות ירושלים וגו', השביעם שלא להתגרות מלחמה עם האומות.**

דער רבינו בחיי זאגט ווייטער אויפ'ן פסוק, ואני אתנהלה לאטי, אעמוד בגלותי ושפלותי, **כלומר לא אעורר מלחמה ולא אתגבר בגלות כלל, אבל אסבול עול השעבוד.** ועד מתי יהיה השעבוד, עד שיבא לעתיד לשעיר. עכל"ק.

פון די ווערטער פון די ראשונים כמלאכים זעהן מיר די קלארע הוראה פאר אידן בשנות גלותם, אז מען זאל חלילה נישט רעוואלטירן קעגן די פעלקער נאר אונזער השתדלות ברויך זיין בלויז דורך אנטלויפן און זיך ראטעווען. נאכמער איז מבואר פון דעם רמב"ן און רבינו בחיי אז אויך ווען די אומות העולם אטאקירן אידן און באפאלן זיי מיט רציחות און טערארר איז אונזער איינציגע עצה על פי תורה צו אנטלויפן און אזוי זיך ראטעווען, נישט דורך מלחמה און צוריק קעמפן און זיך 'דעפענדן' מיט מיליטערישע מאכט.

ווי פאסיג זענען די ווערטער אין דעם יעצטיגער שרעקליכער מצב אין ארץ ישראל, ווען אידישע קינדער וועלכע וואוינען אין די אקופירטע שטחים זענען ליידער דער הויפט ציל ברעט פאר די רוצחים שפלים. מען וויל אבער בשו"א נישט אויפגעבן די התנחליות וואס האט שוין אזויפיל געקאסט פאר כלל ישראל ווייל דאס ווערט טשעפען מיט די "נאציאנאלע שטאלץ" כיבוש הארץ און זיך "בייגן פאר טעראר" אבער די עצת התורה איז אנדערש, די תורה הייסט אונז יא "לברוח ולהנצל" – דאס איז דער אלטער מהלך וואס ראטעוועט אידן אין גלות, צו "אנטלויפען און ווערן געראטעוועט" און נישט חלילה מיט התקוממת בגלות, ווי עס זעט זיך באשיינפערליך אז דער כוחי ועוצם ידי פון מלחמה איז זיך פארטיידיגן האט גארנישט געהאלפן און מען דארף נאך אלץ צוקומען צום "לברוח ולהנצל".

מי יתן והי' אז אידן זאלן זיך צוריקקערן צו דעם אלטן דרך האבות, טאקע בלויז לברוח ולהנצל און נישט חלילה מיט פעולות דורך די אייגענע פויסט, קעגן דעם גזירת הגלות.

די גאנצע פרשה איז א לימוד אויף לדורות עולם, ווי רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז מבאר אין די באקאנטע וישלח תורה שנת תשי"ז אז דער פסוק 'ויצו גם את השני גם את כל ההולכים אחרי העדרים' איז מרמז אויף אלע דורות אין אלע זמנים האט יעקב אבינו אנגעזאגט דעם וועג ווייל ער האט מורא געהאט שמא יהרוג את אחרים, אז אידן וועלן חלילה רעוואלטירן און הרג'נען אנדערע פעלקער ווען זיי זענען נישט ערלויבט.

דער רבי זאגט אז דערפאר האט יעקב אבינו געשטעלט די בני השפחות קודם ווען עשו איז אנגעקומען, ווייל מיר זען ביי די בני אפרים אז צוליב דעם וואס זיי זענען געווען פון די זרע המלוכה האבן זיי עובר געווען אויף די שבועות, דעריבער האט יעקב ספעציעל געשטעלט די בני השפחות פארנט, ווייל זיי זענען נכנעים און וועלן זיך נישט מתגרה זיין מיט דעם רשע.

אין די ספרים הקדושים די וואך, נועם אלימלך, מאור ושמש, אגרא דכלה און נאך, איז באריכות מבואר די נקודה אז דייקא דורך דעם וואס אידן זענען זיך מכניע פאר די אומות העולם און מ'גיבט זיי אפ דעם פולסטן רעספעקט, דאס איז די גרעסטע התעוררות רחמי שמים אז דער רבוש"ע זאל שוין זעהן בענינו און זיך שוין מרחם זיין און אונז אויסלייזען פונעם ביטערן גלות.

דער הייליגער אגרא דכלה שרייבט נאך מער אויפן פסוק ויצו אותם לאמר. אז דער לאמור איז מרמז לדורות, פונקט ווי מיר זען אין די גמרא אז רבינו הק' האט געשריבן פארן קעניג למרן מלכא אנטונינוס, ממנו עבדך יהודה, און ווען דער קעניג האט אים געפרעגט דערויף האט ער געזאגט 'לא טוב אנכי מאבותי', מיט די כונה אויף יעקב אבינו וואס האט געזאגט כה תאמרון לאדוני לעשו כה אמר עבדך יעקב. דערפאר זאגט דער פסוק ויצו אותם לאמר, **לאמר לדורות שינהגו כזה כל ימי גלותם עד יגאלנו גאולת עולם ב"ב.**

דאס אלעס איז געווען א דבר פשוט ביי אידן במשך דעם לאנגען ביטערן גלות, ביז די קליפת הציונות האט ליידער געהויבן דעם קאפ און אריינגעברענגט אינעם כלל ישראל דעם שרעקליכען רעיון פון התקוממות זיך הייבען דעם קאפ און זיך נישט לאזן מער טרעטן, און צום ווייטאג האבן זיי באוויזן צומאכן ממש א שינוי מהות מיטן עם הנבחר. ווי גרויס איז די סכנה און פחד אז אידן האבן אדאפטירט דעם נייעם מהלך פון זיך ארויסשטעלן מיט עזות און חוצפה קעגן די אומות, וואס ברענגט חלילה נישט גוטס בגשמיות און דאס זעלבע ברוחניות, ווי די פייערדיגע און פארכטיגע ווערטער וואס עס שרייבט דער בעל עקידה אויף די כונה פון יעקב אבינו מיט'ן פסוק – ודפקום יום אחד- אז אויב אידן ווילן זיך אליינס צואיילן די גאולה איז דא די סכנה פון א פורעניות חס ושלום.

אין די לעצטע תקופה זענען מיר ליידער עדות צו אן אויפשטייג פון די ציוניסטישע אידעלאגיע וואס איז דער היפך הגמור פון עצת הזקן החכם פון זיין איינגעהאלטן. די ציוניסטישע מויל – מאכער זענען לעצטנס מער ווי אייביג אויסטערליש אגרעסיוו אין זייער חוצפה'דיגע מהלך, פון פייפן אויף די וועלט פירער און זיך נישט קימערן מיט קיינעם, אויך ווען עס איז די רעדע פון די גרעסטע וועלט מאכטן.

איז טאקע א דבר בעתו צו ערוועגען הייליגע דיבורים קילורין לעינים וואס ווערט מבואר אין ספה"ק דברי יואל פרשת וישלח דף ר"ז, לויט ווי ס'איז מרומז אין חז"ל אז ווען יעקב אבינו האט געזאגט פאר עשו ויהי לי שור וחמור, האט ער דערמיט אינזין געהאט משיח בן יוסף און משיח בן דוד.

רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז מסביר אז יעקב אבינו האט געמיינט צו מרמז זיין פאר עשו אז ער וויל זיך נישט מתגרה זיין מיט אים אין גלות, ווייל ער ווארט אויס אויף די תרי משיחין וואס וועלן אויסלייזן אידן, שאינו מבקש עדיין שום שלטונות, וממשלה וגדולה, **וכל מגמתו הוא להמתין לביאת המשיח, והואיל שאינו מבקש לישב בין מלכים ושרים בדבר זה ימצא חן בעיני עשו.** לכן שלח אליו ויהי לי שור וחמור, כלומר ממתין ומצפה אני לביאת המשיח **וממילא אין לך לשנוא אותי.**

דער רבי איז ממשיך, אז אזוי איז טאקע געווען אין אלע דורות, ווען עשו הערט אז אידן ווארטן רואיג אויף משיח איז ער צופרידן און מען קען געפינען א חן אין זיינע אויגן, דער גוי וויל דאס הערן אז אידן זענען נישט קיין רעוואלטירערס אין גלות, אבער זינט עס זענען אויפגעשטאנען די כתות וואס האבן אוועקגעווארפן דעם עול הגלות און אוועקגעגאנגען פון די דרכי יעקב אבינו, האט זיך טאקע אנגעהויבן די ביטערע צרות און מיר זענען געווארן פארפיינטעט ביי די אומות העולם.

אונזער איינציגע עצה אין דעם אריכות הגלות איז ווייטער צו גיין בדרכי אבות ללכת בעצת אבינו הזקן, דאס וועט זיין אונזער זכות און אונזער הבטחה געהאלפן צו ווערן בקרוב מיט די גרויסע ישועה עד אשר אבוא אל אדוני שעירה. בב"א.